בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שלח
(בא"י קרח)
כו סיון
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 31
(83)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גִּבּוֹר וָואס אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועלְט אָפְּגֶענוּמֶען מְדִינוֹת, דֶער גִּבּוֹר הָאט נָאר גֶעוָואלְט הַכְנָעָה, מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְטֶענִיגְן אוּנְטֶער אִים. אַ מְדִינָה וָואס הָאט זִיךְ מַכְנִיעַ גֶעוֶוען, הָאט עֶר זֵיי גֶעלָאזְט אָנְגֵיין, אוּן אַ מְדִינָה וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין, הָאט עֶר חָרוּב גֶעמַאכְט. וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן דֶעם גִּבּוֹר הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, כָאטְשׁ וָואס זֵיי וָואלְטְן גֶעוָואלְט זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין צוּם גִּבּוֹר, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער גִּבּוֹר דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר פַארְ'מִיאוּסְ'ט גֶעלְט, אוּן דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַן עֵצָה צוּ גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע מְדִינָה וָואס הָאט מֶער גֶעלְט פוּן זֵיי, טְרַאכְטְנְדִיג אַז דָארְט וֶועלְן זֵיי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן ווִידֶער מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. כַּאֲשֶׁר אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען גָאר אִין טָעוּת זֵייעֶר. אוּן דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט נָאר דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ'.

## פְּיוּטְשֶׁער אוּן תַּכְלִית

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט מִיט זֵיי גֶע'חַזֶר'ט: **"גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית, דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה"**. דָאס מֵיינְט, אַוַודַאי דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אוּן פַארְדִינֶען גֶעלְט, אַזוֹי ווִי מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֵּיב אִין דִי כְּתוּבָה אַז מֶען גֵייט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּן מֶען טְרֶעפְט אַ פַּרְנָסָה, זָאל מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ דַאֲגָה: **"מֶען מוּז זֶען צוּ פַארְדִינֶען מֶער גֶעלְט פַאר דִי תַּכְלִית פוּן דֶער פְּיוּטְשֶׁער (צוּקוּנְפְט)".**

## מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְנוּחָה

הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע דְזָשַׁאבּ, גוּט פַארְדִינֶען, אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח, אוּן נָאכְאַלְץ אַרוּמְגֵיין פַארְ'דַאֲגָה'ט: **"ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְדִינֶען נָאךְ גֶעלְט אִיךְ זָאל הָאבְּן פַאר דִי פְּיוּטְשֶׁער, פַארְ'ן תַּכְלִית..."** גֶעלְט אִיז נִישְׁט תַּכְלִית, קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר חוּמָשׁ, מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא - דָאס אִיז פְּיוּטְשֶׁער אוּן תַּכְלִית!

## עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין נִישְׁט

אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, זֶעט מֶען אַז עֶס קוּמְט אַ צַייט, דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פוּפְצִיג זֶעכְצִיג יָאר, וָואס קֶען דֶער מֶענְטְשׁ דֶעמָאלְט טוּן? עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין נִישְׁט דִי אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן רֵייצוּנְגֶען פוּן גֶעלְט אוּן עוֹלָם הַזֶּה, אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט מִיט פְּיוּטְשֶׁער, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן, אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וֶועט עֶר דָאס וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין. דָאס הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעבֶּעטְן צוּ דִי מֶענְטְשְׁן: **"גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית, דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה".**

## אֱמֶתְ'עֶ פְּיוּטְשֶׁער

אוּן בִּכְלַל וָואס הֵייסְט פַאר אַ אִיד 'פְּיוּטְשֶׁער'? דוּ וֵוייסְט אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג? מֶען לֶעבְּט אַפָּאר יָאר אוּן מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּיוּטְשֶׁער אִיז נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיּוֹת אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דָאס אִיז אֱמֶתְ'עֶ פְּיוּטְשֶׁער.

הָאבִּין זֵיי אִים נִישְׁט צוּגִיהֶערְט וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע זֵייעֶר גִיוֶוען אַיינְגִיוָוארְצִילְט אִין דֶעם גֶעלְט פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִּבּוֹר. אוּן אַז זֵיי ווִילִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַּ"ל. הָאט עֶר אוֹיס זֵיי אוֹיךְ גִילַאכְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיזָאגְט. אַז דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין וָוארִין אִיר זֶענְט מֶענְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען מֶענְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען גָאר קֵיין גָאט נִיט. נָאר אֵיין גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז פַארְהַאנְדִין וְכוּ'. אוּן מִכֹּחַ דֶעם גִּבּוֹר. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין (מִיט דֶעם לָשׁוֹן). אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִּבּוֹר (אַזוֹי ווִי אֵיינֶער פַארְווִינְדֶארְט זִיךְ. אוֹיבּ דָאס אִיז נִיט דֶער וָואס עֶר וֵוייסְט) הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערִין אוּן הָאט מִיט זֵיי אַלְץ אַזוֹי גִישְׁמוּסְט. כַּנַּ"ל. אוּן מִכֹּחַ דֶעם גִּבּוֹר הָאט עֶר צוּ אִיטְלִיכְן גִיזָאגְט. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִּבּוֹר וְכוּ' כַּנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען זַיינֶע רֵייד. וָואס עֶר מֵיינְט.

דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארִין אִין שְׁטָאט אֵיין רַעַשׁ. כַּאֲשֶׁר אַז סֶע גִיפִינְט

זִיךְ אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעט אַזוֹינְס וָואס עֶר מַאכְט אַ גִילֶעכְטֶער פוּן זַייעֶר אֱמוּנָה. אוּן עֶר זָאגְט אַז סֶע אִיז נָאר אַ יָחִיד פַארְהַאנְדִין דְהַיְינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ'. אוּן מִכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר זָאגְט עֶר אַלְץ אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גִיוֶוען כַּנַ"ל. הָאט מֶען גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים זוּכִין אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין. כָאטְשֶׁע עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנֶדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלִין (דְהַיְינוּ אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן אַמָאל פַאר אֵיין אָרִימַאן וְכוּ' וָואס מַחְמַת דֶעם הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין כַּנַ"ל) נָאר זֵיי הָאבִּין אָבֶּער דֶערְפוּן אוֹיךְ גְוואוּסְט. אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנֶדֶערְשׁ. הָאבִּין זֵיי גִיהֵייסִין נָאךְ קְלֶערִין נָאךְ אִים. אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין, הָאט מֶען אִים נָאךְ גִיזוּכְט בִּיז זֵיי הָאבִּין אִים גִיחַאפְּט. (דְהַיְינוּ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִבְּרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְצְטֶע. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַ"ל. אִיר זֶענְט אַלֶע אִין טָעוּת. אוּן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אוּן דָאס אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. דְהַיְינוּ דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. נָאר סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַאר הַאנְדִין דְהַיְינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ'.

## גֶעלְט אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זֵייעֶר אוֹיפְגֶעקְלֶערְט דֶעם אֱמֶת, אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ הָאבְּן גֶעלְט, מֶען זָאל הָאבְּן צוּם לֶעבְּן, אָבֶּער גֶעלְט אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעלְט בִּין אִיךְ מְסוּדָר אוּן אוֹיבּ נִישְׁט בִּין אִיךְ נִישְׁט מְסוּדָר, דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, צִי מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט - דַארְף מֶען סַיי וִוי צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אַז מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען מְסוּדָר.

אוּן דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט. אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְן וְכוּ' (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיזָאגְט) הָאבִּין זֵיי אִים גִיהַאלְטִין פַאר מְשׁוּגָע. וָוארִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גִילִיגִין אִין דֶעם גֶעלְט אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דְרִינֶען פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין. בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט עֶפֶּעס גִירֶעט. אִיז דֶערבַּיי זֵיי גִיוֶוען מְשׁוּגָע.

הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר כַּנַ"ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. כַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין גִיוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ. אִיז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אַ גִבּוֹר. אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִיבּוֹר. קָאן אִיךְ מִיךְ מִיט אִים. אוּן וַוייטֶער דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קֶענֶען הֶעלְפִין. אַדְרַבָּא. דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אַייעֶר מַפָּלָה אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזִין. הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט פוּן וַואנֶען וַוייסְטוּ דָאס (אַז דִי מְדִינָה קָאן זֵיי נִיט הֶעלְפִין. אוּן זֵיי וֶועלִין נָאךְ אַ מַפָּלָה הָאבִּין דוּרְךְ דֶעם). הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. כַּאֲשֶׁר בַּיי דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען. הָאט עֶר גִיהַאט אַ יַד דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ זַאךְ אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט מִיט פִינֶעף פִינְגֶער.

## תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב

דָאס הַאנְט מִיט אִירֶע פִינְף פִינְגֶער גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיף תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב וָואס אִיז חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, עֶס הָאט אִין זִיךְ פִינְף חֲלָקִים; בְּרֵאשִׁית, שְׁמוֹת, וַיִקְרָא, בַּמִדְבַּר, דְבָרִים.

אוּן מִיט אַלֶע שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַלֶע קְנֵייטְשְׁן אוּן אַלֶע קְרִיצִין) וָואס אוֹיף אַ הַאנְט אִיז פַארְהַאנְדִין. אוּן דִי יַד אִיז גִיוֶוען דֶער לַאנְד קַארְט פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן גָאר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען זִינְט הִימִיל אוּן עֶרְד אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין בִּיז אִין סוֹף. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. אִיז אַלְץ אוֹיסְגִימָאלְט גִיוֶוען אוֹיף דֶער יַד. וָוארִין סֶע גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אִין דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. דָאס גִימֶעל פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. וִוי אַזוֹי אִיטְלִיכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט. מִיט אַלֶע זַאכִין פוּן אִיטְלִיכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיּוּת. אַלְץ אַרוֹיס גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער יַד. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט אִיז אוֹיס גִימָאלְט (אַזוֹי וִוי סֶע וֵויסִין דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גִינִיט אִין דֶעם לַאנְד קַארְט. דְהַיְינוּ סֶע אִיז אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף אַ פַּאפִּיר אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אִיטְלִיכֶע מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכְס בְּרִיקְל אוּן אַזוֹי אַנֶדֶערֶע זַאכִין טַייכְלִיךְ אוּן וֶועלְדֶער וְכוּ'. אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶע זַאךְ שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגִישְׁרִיבִּין אַז דָאס אִיז דִי שְׁטָאט אוּן דָאס אִיז דִי מְדִינָה וְכוּ') אַזוֹי אִיז אוֹיף דֶער יַד גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע וֶועלְטִין דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. אוּן אִין דִי קְרִיצִין פוּן דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אַזוֹי וִוי אוֹתִיּוֹת. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט שְׁטֵייעֶן אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹתִיּוֹת בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס דָאס אִיז דְהַיְינוּ מֶען זָאל וִויסִין אַז דָא אִיז דִי שְׁטָאט. אוּן דָא אִיז דָאס טַייכִיל אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנֶדֶערֶע זַאכְן. אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט גִיוֶוען אָנְגִיצֵייכִינְט דוּרְךְ דִי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט אַזוֹי וִוי אוֹתִיּוֹת. וָואס דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד. כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס אִיטְלִיכֶע זַאךְ אִיז וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגִימָאלְט.

אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע מְדִינָה בַּאזוּנֶדֶער אוּן אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אַלֶע טַייכְן אוּן בְּרִיקִין אוּן בֶּערְג אוּן אַנֶדֶערֶע זַאכִין (וָואס סֶע גִיפִינְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אוּן אִין אַלֶע וֶועלְטִין) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹתִיּוֹת אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס סֶע גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלִיכֶער מְדִינָה אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע מְאוֹרָעוֹת (דְהַיְינוּ אַלְץ וָואס אוֹיף אַ מֶענְשְׁן גֵייט אִיבֶּער וַוייל עֶר לֶעבְּט) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער הַאנְט. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אֲפִילוּ אַלֶע וֶועגִין פוּן אֵיין מְדִינָה צוּ דֶער אַנֶדֶערֶער. אוּן פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנֶדֶערִין אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט דֶעם וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אַהֶער אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ קָאן אַהֶער נִיט קוּמֶען. (וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִיגְרָאבִּין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט אוּן קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִיט גִיקָאנְט קוּמֶען כַּנַ"ל).

## אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען אַלֶעס וִויסְן

דָא הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי קַשְׁיָא וָואס דִי שׁוֹמְרִים הָאבְּן אִים גֶעהַאט גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דֶעם מְדִינָה, אַמֶער קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זֵיי צוּטְרֶעטְן? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַלֶעס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען אַלֶעס וִויסְן.

אוּן אַזוֹי אַז אִיר וִוילְט מִיךְ שִׁיקִין אִין דֶער אַנֶדֶערֶער שְׁטָאט אַרַיין. וֵויים אִיךְ אוֹיךְ דֶעם וֶועג. אַלְץ דוּרְךְ דֶעם יַד.

אוּן אַזוֹי אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד. דֶער וֶועג פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנֶדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען אַרוֹיף גֵיין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל. (וָוארִין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל קָאן מֶען נִיט אַרוֹיף גֵיין מַחְמַת מֶע וֵויסְט נִיט דֶעם וֶועג. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג ווִירִימִיר מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם הִימִיל) אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַלֶע וֶועגִין וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנֶדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט דֶעם וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט אֵיין אַנֶדֶערְן וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען יֶענֶער וֶועג אוֹיךְ. אוּן אַזוֹי חֲנוֹךְ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל נָאךְ מִיט אֵיין אַנֶדֶערִין וֶועג. אִיז דָארְט דֶער וֶועג אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען אוּן אַזוֹי פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנֶדֶערֶער (וַוייטֶער הֶעכֶער) אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער הַאנְט. דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער הַאנְט אוּן סֶע אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד. אִיטְלִיכֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי סֶע אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. דְהַיְינוּ סְדוֹם. אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען פְרִיר אֵיי זִי אִיז אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי סְדוֹם קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אַזוֹי וִוי אַ שְׁטָאט קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט סְדוֹם וָואסִיר אַ פָּנִים סֶע הָאט הַיינְט. נָאךְ דֶעם אִיבֶּער קֶערִין זִיךְ. וָוארִין אוֹיף דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט. וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען. אוּן וָואס סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין. אוּן דָארְט אוֹיף דֶער יַד הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטְן. מִיט דִי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס זֵיי וֶועלִין צוּ זֵיי קוּמֶען אוֹיף הִילְף (דְהַיְינוּ אַז דִי מְדִינָה זָאל זֵיי הֶעלְפְן) וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן. (אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט).

אִיז בַּיי זֵיי דִי זַאךְ אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין מֶען דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז אֱמֶתֶע רֵייד. וָוארִין דָאס וֵויסְט מֶען אַז אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט. שְׁטֵייט

אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע זַאכְן. הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֶמֶת וָואִרין אַזוֹינְס קָאן מֶען זִיךְ נִיט אוֹיסְטְרַאכְטִין. וָוארִין דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ אַז מֶען קָאן צוּם הוֹיף נֶעמֶען צְוֵויי קְרֵיצְין פוּן דֶער הַאנְט וֶועט דְרוֹיס וֶוערִין אֵיין אוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין אוֹיס גִיטְרַאכְטֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.

## קַבָּלָה אוּן חָכְמַת הַיַּד

דָא זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן (פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל תשפ"ב בַּיים שִׁיעוּר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת), וִוילַאנְג דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי שֵׁיינֶע פָּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעוֵוײנְט צוּ זֵיי: "**גֶעלְט וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן**", "**תַּכְלִית אִיז נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, דָאס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע וֶוערְטֶער, הוֹיכֶע וֶוערְטֶער פוּן קַבָּלָה אוּן חָכְמַת הַיַּד, פוּן אַ הַאנְט מִיט קְנֵייטְשְׁן אוּן קְרִיצְן - דַאן הָאבְּן זֵיי אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּהֶערְן, יֶעצְט זָאגְן שׁוֹין אַלֶע "**עֶר רֶעדְט צוּ דִי זַאךְ**"... אֵיי וָואס הָאט דָאס מִיט עֶנְק? וָואס וֶועט דִיר דִי אַלֶע חָכְמוֹת הֶעלְפְן? וָואס קֶען דִיר קְרִיצְן הֶעלְפְן? וָואס קֶען דִיר אַ וֶועג פוּן דִי וֶועלְט צוּ יֶענֶע וֶועלְט הֶעלְפְן?

## אֵיינֶער זָאל רֶעדְן פוּן תַּכְלִית

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן מִיר מַיינֶע חֲבֵרִים, גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, גֶעפְרֶעגְט: "**וָואס הֶערְסְטוּ דָארְט אַז דוּ ווִילְסְט מֶער פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן?**" זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט מוֹהֲרַ"שׁ'ס דְרָשׁוֹת אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן מִיר גֶעזָאגְט: "**וָואס פַארְקוֹיפְט מוֹהֲרַ"שׁ אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְקָאכְט אִין אִים? אֶפְשָׁר פְּרוּבִּירְסְטוּ אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אָדֶער יֶענֶע בַּעַל דַּרְשָׁן, זֵיי רֶעדְן הוֹיכֶע זַאכְן פוּן קַבָּלָה**", אָבֶּער וָואס קֶען מִיר קַבָּלָה הֶעלְפְן? אִיךְ זוּךְ אֵיינֶער זָאל רֶעדְן צוּ מִיר פוּן תַּכְלִית, עֶר זָאל מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן, אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ זָאל זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זוּךְ אֵיינֶער וָואס קֶען מִיר גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פוּנֶעם גִּבּוֹר, נָאר דָאס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט.

## דֶער גִּבּוֹר קוּמְט אָן צוּ יֶעדְן

דֶער גִּבּוֹר פוּן וֶועם דֶער רֶבִּי רֶעדְט, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'מִדַּת הַגְּבוּרָה' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם הָאט צוּטוּן מִיטְ'ן גִּבּוֹר, בַּיי אֵיינֶעם זֶעט מֶען עֶס אָפְן, אוּן בַּיי אֵיינֶעם אִיז דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט, אָבֶּער דֶער גִּבּוֹר קוּמְט אָן צוּ יֶעדְן. דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועם מֶען אִיז מְקַנֵּא, הָאבְּן אוֹיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט צוּטוּן מִיטְ'ן גִּבּוֹר, נָאר מֶען וַוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם. אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט רוּחָנִיוּת'דִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶפֶּעס אַרִיבֶּער, קוּמְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן זָאגְט 'אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן פוּנֶעם גִּבּוֹר, זַיי זִיךְ מַכְנִיעַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דָאס עֶצֶם דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה, עֶס עֶפְנְט אוֹיף טוֹיעֶרְן אִין הִימְל אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ יְשׁוּעוֹת. פְּרוּבִיר עֶס אוֹיס, עֶס אִיז זִיכֶער דָא גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִין דִי צָרָה, הֵייבּ אָן זוּכְן אִין דַיין צָרָה דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, וֶועסְטוּ זֶען דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אָדֶער דַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן 'שׁוֹין וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ אַ גֶעלְט שָׁאדְן...' זִינְג: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַן עֶרְגֶערֶע צָרָה, קֶען זַיין אַז עֶפֶּעס וָואלְט גֶעדַארְפְט פַּאסִירְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס אוֹיפְגֶעטוֹיְשְׁט אוֹיף אַ גֶעלְט שָׁאדְן**", אָדֶער וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט לֹא עָלֵינוּ מִיט אַ קִינְד, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז נָאר דָאס, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין סַאךְ עֶרְגֶער**", דָאס אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אִין דִי צָרָה עֶפְנְט אוֹיף טִירְן פַאר נִסִּים.

## עֶפֶּעס גוּטְס

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): **דָּוִד הַמֶּלֶךְ** הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "**בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט**".

## וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה פוּן דֶעם?

וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם וֶוען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים ג): "מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ", פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: "**מִזְמוֹר לְדָוִד? קִינָה לְדָוִד מִבָּעֵי לֵהּ!**" עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין 'קִינָה לְדָוִד', דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט אוֹיף זַיין בִּיטֶערֶע צָרָה? וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה פוּן דֶעם אַז אַן אֵייגְן קִינְד נֶעמְט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַ מִלְחָמָה קֶעגְן אַ טַאטֶע?! דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (חֵלֶק ב, דַּף קז:) וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם וֶועגְן זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט עֶר אַזוֹי גֶעוֵויינְט מֶער פוּן אַלֶע זַיינֶע אַנְדֶערֶע צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין לֶעבְּן. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא, דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעטְרָאפְן אִין זַיין צָרָה עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים עֶפֶּעס בַּאשְׁטְרָאפְן וֶועגְן דִי פַּרְשָׁה פוּן בַּת שֶׁבַע, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אֶפְשָׁר וֶועט קוּמֶען דֶער שְׁטְרָאף דוּרְךְ זַיין קְנֶעכְט, "**כֵּיוָן דְחָזָא דְּאַבְשָׁלוֹם הוּא שָׂמֵחַ**", וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער שְׁטְרָאף קוּמְט דוּרְךְ זַיין זוּן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט, וַוייל אַ זוּן וֶועט נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען זַיין טַאטֶען מִיט אַזַא רְצִיחָה וִוי אַ קְנֶעכְט ווִיל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם הֶער. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אִין זַיין גְרֶעסְטֶע צָרָה אוֹיךְ גֶעטְרָאפְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶפֶּעס זָאגְט עֶר, עֶר קֶען דִי קְלֵיינֶע אוֹתִיּוֹת...

דָאס הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶערֶעדְט צוּ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע מְדִינָה; אָבֶּער וִוילַאנְג עֶר הָאט גֶערֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן תַּכְלִית, פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט, וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן סוֹדוֹת אוּן קַבָּלָה עִנְיָנִים הָאט מֶען אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן. אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, מֶען וֶוערְט פַארְלוֹירְן פוּן אַ בַּעַל מְקוּבָּל, אַז אֵיינֶער הַאלְט אַ דְּרָשָׁה, אַ לַאנְגֶע פִּלְפּוּל, וָואס קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶער עוֹלָם דְרִימְלְט אַיין, מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף סוֹף דְּרָשָׁה אוּן מֶען וֶוערְט אַנְטְצִיקְט, "**עֶפֶּעס זָאגְט עֶר, עֶר קֶען דִי קְלֵיינֶע אוֹתִיּוֹת...**" אֵיי, וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?!

## שוֹין גֶעהֶערְט גֶענוּג דְרָשׁוֹת

אִיךְ הָאבּ שוֹין גֶעהֶערְט גֶענוּג דְרָשׁוֹת פוּן בַּעֲלֵי דַרְשָׁנִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אֵיינֶער זָאל רֶעדְן צוּ מִיר אִידִישׁ, אִיךְ זָאל וִויסְן נָאכְ'ן שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּן, דֶערְפַאר בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וואוּ אִיךְ הֶער דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הֵייבּ עֶס אָן טוּן, אִיךְ הֶער דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י אוּן אִיךְ הֵייבּ עֶס אָן טוּן.

## חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי וָואךְ: "**חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק**", שְׁטֶעל אָפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין גַאס פְרֶעג אִים: "**הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר וַיִּקְרָא?**" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה; זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי סֶדְרָה.

## אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: "**הָאסְט עֶפֶּעס צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?**" עֶנְטְפֶערְט אִיךְ: יָא, אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מוֹפֵת, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר וַיִּקְרָא! "**וָואס הֵייסְט, וָואס אִיז דֶער מוֹפֵת?**" דֶער מוֹפֵת אִיז, דֶער צַדִיק נֶעמְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין זַיינֶע זַאכְן אוּן מַאכְט אִים עֶנְדִיגְן סֵפֶר וַיִּקְרָא! וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם?!

## נָאךְ אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

ווִילְסְט הֶערְן נָאךְ אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ? אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעמַאכְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דָאס אִיז פִּיוּטְשֶׁער אוּן תַּכְלִית.

## 'לָאמִיךְ שוֹין אָפּ'!

ווִילְסְט הֶערְן נָאךְ אַ מוֹפֵת? מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט מִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ? רֶעדְסְטוּ צוּ אִיר מִיט זִלְזוּל, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן שֵׁיין, אֲפִילוּ מַיין נַאטוּר זָאגְט מִיר אַנְדֶערְשׁ, מַיין נַאטוּר וִויל שְׁרֵייעֶן, מַיין נַאטוּר וִויל זָאגְן 'לָאמִיךְ שוֹין אָפּ'!' דָאךְ רֶעד אִיךְ שֵׁיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

## אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל

אוּן אַז מֶען אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען שוֹין נִישְׁט נֶערְוֶועז, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קנו.): "אֵין מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּשַׁט, "**אֵין**" - דֶער אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, "**מַזָּל לְיִשְׂרָאֵל**" - אִיז דָאס מַזָּל פוּן אַ אִיד, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אַ אִיד אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶוען אַ אִיד אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר שוֹין נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן קֵיינֶעם, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן זַיין וַוייבּ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוען מֶען הֵייסְט אִים 'טוּ אַזוֹי' אוּן 'טוּ אַהֶער'.

## שְׁמֵיילִיג!

מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ אָן קַיין פְּרִישׁוּת אוּן חוּמְרוֹת. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶועז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן. דִי וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען אַזוֹי צֶעטוּמְלְט; חֲסִידִ'ישֶׁע אִינְגֶעלַייט, צְווִישְׁן זֵיי שׁוֹחֲטִים אוּן סוֹפְרִים, הָאבְּן גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְוָואס? וַוייל בַּיי זֵיי אִין דִי קְהִלָּה אִיז דָא חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת אִין שְׁטוּבּ, זֵיי גֵייעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן טוּן עֲבֵירוֹת, זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וַוייל בַּיי זֵיי אִין דִי קְהִלָּה דַארְף מֶען זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן הֵיילִיג... זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט הֵיילִיג, דָאס הֵייסְט שְׁמֵיילִיג! וִוי מֶען לֶערְנְט בַּיי דִי קְרִיסְטְלִיכֶע גַלָחִים צוּ זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט אַזוֹי וֶוערְט מֶען שְׁמֵיילִיג רַחֲמָנָא לִצְלָן!

## עֶס קוּמְט אִים צוּ אִיבְּלֶען

אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרִישׁוּת, נִישְׁט דָא קַיין חוּמְרוֹת, מֶען לֶעבְּט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף עֲבֵירוֹת, פַארְוָואס זָאל אִיךְ גֵיין זוּכְן עֲבֵירוֹת? פַארְוָואס זָאל אִיךְ גֵיין זוּכְן שְׁמוּץ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַיין וַוייבּ! אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעגֶעסְן אַ גוּטֶע פֵיינֶע סְעוּדָה אוּן אִיז זַאט, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען גוּטֶע פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ, וָואס גֵייט דֶערְפוּן אַן אַנְגֶענֶעמֶע גֶערוּךְ, וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן דֶערוֹיף, פַארְקֶערְט עֶס קוּמְט אִים צוּ אִיבְּלֶען, אִיךְ דַארְף עֶס נִישְׁט אִיךְ בִּין זַאט! ווִידֶער אַ הוּנְגֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ צוּכַאפְּן דֶערְצוּ, וַוייל עֶר זוּכְט וואוּ עֶר קֶען עֶפֶּעס אַרַיין כַאפְּן אִין מוֹיל צוּ שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער, אַזוֹי אִיז אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ אָן קַיין חוּמְרוֹת, אִינְטֶערֶעסִירְט מֶער נִישְׁט אַלֶע נִסְיוֹנוֹת פַאר'ן מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן בָּרַבִּים אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶעבְּן, אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת.

## אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש): "**אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן**"; אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט מִיסְט - וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן, עֶס וֶוערְט אַ בִּזָּיוֹן, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט. הַיינְט קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן, וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בִּילְד פוּן אֵיינֶעם וִוי עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ' - בַּאקוּמְט עֶר גְלַייךְ זַיין שְׁטְרָאף, עֶר וֶוערְט אִין אֵיין רֶגַע פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

## אוֹיף דִי וֶועלְט לוֹינְט זִיךְ עֶס נִישְׁט

קֶען זַיין אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט גֵייט אַרָאפּ זַיין עוֹנֶשׁ, וַוייל עֶר וֶוערְט שוֹין פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:) "**כָּל הָעוֹשֶׂה דְבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ**", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אוּן עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן דִי עֲבֵירָה, "**מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו**", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירָה אוּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט לוֹינְט זִיךְ עֶס נִישְׁט, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועלְן נִישְׁט וִוילְן הָאבְּן מִיט אִים קַיין שַׁייְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע זַאכְן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".